**איוף באלדיגע פארעפנטליכונג:** 5/25/2021 **גאווערנער ענדרו מ. קאומאו**

**גאווערנער קאומאו גיבט ניו יארקער א נייע באריכט וועגן דער סטעיט וואקסינירונג פראגראם**

***90,710 דאזעס פארטיילט דורכאויס די לעצטע 24 שעה***

***מער ווי 788,145 דאזעס פארטיילט דורכאויס די לעצטע זיבן טעג***

***וואקסין דאטע־טאוועל ווערט טעגלעך באנייט וועגן דער סטעיטס וואקסין פראגראם דא***

גאָווערנער ענדרו מ. קאָומאָו האט היינט איבערגעגעבן פאר ניו יארקער א נייע באריכט וועגן דער סטעיט וואקסינירונג פראגראם. 90,710 דאזעס זענען פארטיילט געווארן איבער דער סטעיט׳ס ריזיגע אויסטיילונגס נעץ דורכאויס די לעצטע 24 שעה, און 788,145 דאזעס זענען פארטיילט געווארן דורכאויס די לעצטע זיבן טעג.

"מיר האלטן אין איין דערלאנגען שאַטס אין די ארעמעס אריין יעדן איינציגן טאג און מיר ערמוטיגן וואקסינירן אלס דאס שליסל צו באקלאפן דעם קאוויד-19 אויף אייביג, אבער די צאל וואקסינירונגען פארמינערן זיך דראסטיש, און אויף צו קענען ווייטער הייבן די נומערן דארפן מיר מוזן אויסטראכטן פארשידענע עצות," **האט גאווערנער קאומאו געזאגט.** "פארדעם האבן מיר איינגעפירט נייע אינצענטיוון — א פאס פאר ניו יארק סטעיט פארקס, א סטעיט לאטערי, און טראנספארטאציע טיקעטס — און מיר עפענען צייטווייליגע וואקסינירונג פלעצער כדי צו מאכן גרינג פאר יעדן ניו יארקער. דער צוקונפט זעהט אויס גוט, אבער מיר האבן נאך אסאך ארבעט איבערצובויען אונזער סטעיט נאך דעם שוידערליכען פאנדעמיע, און ווי שנעלער ניו יארקער ווערן וואקסינירט, אלץ שנעלער וועלן מיר זיך קענען ווידער פארשטעלן אונזער געזעלשאפט פאר א נייער, ליכטיגער, בליענדער צוקונפט."

אלע ניו יארק סטעיט מאסן וואקסינירונגס פלעצער זענען יעצט אפן פאר צוגעפאסטע ניו יארקער אויף אריינגייער וואקסינירונג אויף א מסודר׳דיגן אופן. די אריינגייער אַפּוינטמענטס זענען רעזערווירט נאר פאר ערשטע דאזעס. די צווייטע דאזעס ווערן אוטאמאטיש באשטעלט נאכ׳ן באקומען דעם ערשטן שאַט. אין צוגאב זענען אלע וואקסין באזארגער ערמוטיגט צו ערלויבן אויפן־ארטיגע אַפּוינטמענטס פאר צוגעפאסטע ניו יארקער. מענטשן וועלכע ווילן ענדערש באשטעלן אן אַפּוינטמענט ביי א סטעיט־אנגעפירטער מאסן וואקסינירונגס סייט קענען דאס טון אויף דעם בין איך בארעכטיגט עפּ ( Am I Eligible App) אדער דורך אנרופן 1-833-NYS-4-VAX. מענטשן קענען זיך אויך פארבינדן מיט זייער לאקאלן העלט־דעפּאַרטמענט, אפטייק, דאקטער, אדער שפיטאל אויף צו באשטעלן אַפּוינטמענטס דארט ווי וואקסינען זענען בנימצא, אדער באזוכן vaccines.gov צו טרעפן אינפארמאציע אויף וואקסין אַפּוינטמענטס ביי זיי אין שכינות.

**דאטע צוטיילונג פון איבער דער סטעיט**

סך הכל דאזעס איינגעטיילט - 18,528,624

סך הכל דאזעס פארטיילט דורכאויס די לעצטע 24 שעה - 90,710

סך הכל דאזעס פארטיילט דורכאויס די לעצטע 7 טעג - 788,145

פראצענט פון ניו יארקער העכער 18 יאר וועלכע האבן באקומען צום ווייניגסטנס איין וואקסין דאזע - 63.9%

פראצענט ניו יארקער העכער 18 יאר וועלכע זענען שוין פולשטענדיג וואקסינירט - 55.2%

פראצענט ניו יארקער מיט צום ווייניגסטנס איין וואקסין דאזע - 52.3%

פראצענט ניו יארקער גענצליך וואקסינירט - 44.3%

| | **מענטשן מיט ווייניגסטנס איין וואקסין דאזע** | | **מענטשן גענצליך וואקסינירט** | |
|---|---|---|---|---|
| **ראיאן** | **אלעס צוזאמען סך הכל** | **פארמערונג אין די לעצטע 24 שעה** | **אלעס צוזאמען סך הכל** | **פארמערונג אין די לעצטע 24 שעה** |
| Capital Region | 618,116 | 2,643 | 531,610 | 2,600 |
| Central New York | 492,722 | 2,169 | 432,601 | 1,740 |
| Finger Lakes | 626,145 | 2,784 | 545,295 | 2,422 |
| Long Island | 1,356,460 | 8,233 | 1,122,901 | 9,909 |
| Mid-Hudson | 1,110,114 | 6,080 | 927,483 | 6,600 |
| Mohawk Valley | 242,236 | 1,133 | 213,979 | 901 |
| New York City | 4,775,642 | 17,106 | 4,012,563 | 20,150 |
| North Country | 221,675 | 1,157 | 199,502 | 749 |
| Southern Tier | 320,805 | 1,287 | 280,945 | 1,436 |
| Western New York | 669,856 | 3,401 | 569,248 | 2,925 |
| איבער דער סטעיט | 10,433,771 | 45,993 | 8,836,127 | 49,432 |

| | **סך הכל** | **אלעס צוזאמען** |
|---|---|---|
| **וואך 1**<br>**דאזעס וועלכע קומען אן 12/14 ביז 12/20** | 163,650 | 163,650 |
| **וואך 2**<br>**דאזעס וועלכע קומען אן 12/21 ביז 12/27** | 452,125 | 615,775 |
| **וואך 3**<br>**דאזעס וועלכע קומען אן 12/28 ביז 1/03** | 227,395 | 843,170 |
| **וואך 4**<br>**דאזעס וועלכע קומען אן 1/04 ביז 1/10** | 404,175 | 1,247,345 |
| **וואך 5** | 341,240 | 1,588,585 |

| | | |
|---|---|---|
| | | **דאזעס וועלכע קומען אן 1/11 ביז 1/17** |
| 2,301,380 | 712,795 | **וואך 6<br>דאזעס וועלכע קומען אן 1/18 ביז 1/24** |
| 2,801,055 | 499,675 | **וואך 7<br>דאזעס וועלכע קומען אן 1/25 ביז 1/31** |
| 3,343,625 | 542,570 | **וואך 8<br>דאזעס וועלכע קומען אן 2/01 ביז 2/07** |
| 3,908,125 | 564,500 | **וואך 9<br>דאזעס וועלכע קומען אן 2/8 ביז 2/14** |
| 4,530,640 | 622,515 | **וואך 10<br>דאזעס וועלכע קומען אן 2/15 ביז 2/21** |
| 5,229,950 | 699,310 | **וואך 11<br>דאזעס וועלכע קומען אן 2/22 ביז 2/28** |
| 6,541,110 | 1,311,160 | **וואך 12<br>דאזעס וועלכע קומען אן 3/01 ביז 3/07** |
| 7,686,405 | 1,145,295 | **וואך 13<br>דאזעס וועלכע קומען אן 3/08 ביז 3/14** |
| 8,970,970 | 1,284,565 | **וואך 14<br>דאזעס וועלכע קומען אן 3/15 ביז 3/21** |
| 10,536,050 | 1,565,080 | **וואך 15<br>דאזעס וועלכע קומען אן 3/22 ביז 3/28** |
| 11,925,755 | 1,389,705 | **וואך 16<br>דאזעס וועלכע קומען אן 3/29 ביז 4/04** |
| 13,652,980 | 1,727,225 | **וואך 17<br>דאזעס וועלכע קומען אן 4/05 ביז 4/12** |
| 15,191,630 | 1,538,650 | **וואך 18<br>דאזעס וועלכע קומען אן 4/12 ביז 4/18** |
| 16,437,590 | 1,245,960 | **וואך 19<br>דאזעס וועלכע קומען אן 4/12 ביז 4/18** |
| 17,857,385 | 1,419,795 | **וואך 20<br>דאזעס וועלכע קומען אן 4/19 ביז 5/02** |
| 18,865,435 | 1,008,050 | **וואך 21<br>דאזעס וועלכע קומען אן 5/03 ביז 5/09** |
| 19,791,885 | 926,450 | **וואך 22<br>דאזעס וועלכע קומען אן 5/10 ביז 5/16** |
| 20,545,565 | 753,680 | **וואך 23<br>דאזעס וועלכע קומען אן 5/17 ביז 5/23** |

דער קאוויד וואקסין נאכשפירער דאטע־טאוועל (COVID-19 Vaccine Tracker Dashboard) איז צו באקומען פאר יעדע ניו יארקער אויף צו בלייבן אינפארמירט וועגן די אויסטיילונג פון דעם קאוויד-19 וואקסין. דער ניו יארק סטעיט דעפּאַרטמענט אָוו העלט (New York State Department of Health) פארלאנגט פון וואקסינירונגס פאסיליטיס צו באריכטן אלע קאוויד-19 וואקסין אויסטיילונג דאטא אין משך

פון 24 שעה; די וואקסין אויסטיילונג דאטא אויפן דאטע־טאוועל ווערן טעגלעך באנייעט צו ווייזן לעצטע אינפארמאציע פון דער סטעיטס וואקסינירונג באמיאונגען.

ניו יארקער וואס זענען חושד שווינדלערייען אין דעם וואקסין פארטיילונגס פראצעס קענען רופן 833-VAX-SCAM (833-829-7226) בחנם, אדער שיקן אן אימעיל צו דער סטעיט דעפארטמענט אָוו העלט ביי דעם אדרעס STOPVAXFRAUD@health.ny.gov. האַטלייַן פערסאנאל וועלן אריבערפירן די טענות צו די באשטימטע פארשונג אגענטורן צו פארזיכערן אז ניו יארקער ווערן נישט אויסגענוצט מיט אומ־יושר בשעת דער סטעיט ארבעט אויף צו וואקסינירן דער גאנצער פאסיגער באפעלקערונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאממער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

אויס־סובסקרייבן